# פאַרגעשלאַגענע טאָל ראַטע סקעדזשול פאַר די צענטראַלע ביזנעס דיסטריקט טאָלינג פּראָגראַם (CBDTP)

# פובליק הירינג

**די טרייבארא בריק און טונעל אויטאריטעט** **(The Triborough Bridge and Tunnel Authority -TBTA)**, באקאנט אלס MTA בריקן און טונעלן, וועט האלטן פובליק הירינגס צו באקומען קאמענטרן אויף די פארגעשלאגענע טאל ראטע סקעדזשול פאר די צענטראלע ביזנעס דיסטריקט טאלינג פראגראם (CBDTP) די הירינגס וועלן ווערן געפירט אויף א הייבריד פארמאט מיט אפציעס צו אנטייל נעמען פערזענליך ווי אויך דורך Zoom'ס אנליין פלאטפארמע און קאנפערענץ קאל פיטשור, מיט א לייוועסטרים אוועילעבל אויף די MTA יוטוב טשאנעל.

אונטער די MTA רעפארם און טרעפיק מאביליטי אקט פון 2019 (דער "אקט"), וועט TBTA אוועקשטעלן די CBDTP און זאמלען טאלס פון וויהיקלס וואס קומען אריין אין די מאנהאטען צענטראלע ביזנעס דיסטריקט, אן ארט אפגעטייטשט דורך די געזעץ אלס דרום און אריינגערעכנט פון 60טע גאס אבער נישט די FDR דרייוו, ניו יארק סטעיט רוט A9 (אריינגערעכנט די באטערי פארק אונטערפאס), און סיי וועלכע שאסיי טייל פון די יו על קארי טונעל וואס פארבינדט זיך מיט וועסט סטריט. דער ציל פונעם פראגראם איז צו פארמינערן טראפיק אנגעשטאפטקייט און ברענגען פארדינסטן צו באצאלן פאר די $15 ביליאן אין פארבעסערונגען צו סאבוויי, באס, און קאמיוטער רעלסן סיסטעמען אונטער די MTA'ס 2020-2024 קאפיטעל פלאן און נאכפאלגענדע פלענער.

דער אקט שטעלט אוועק א טרעפיק מאביליטי איבערזוכט באורד און פארלאנגט אז עס זאל ארויסגעבן פארשלאגן פאר א טאל ראטע סקעדזשול אינערהאלב די פאראמעטערס פונעם אקט, אריינגערעכנט טאל סומעס און סיי וועלכע קרעדיטס, אראפרעכענונגען, און/אדער אויסנאמען. די פארשלאגן זענען ארויסגעגעבן געווארן אום נאוועמבער 30, 2023. אום דעצעמבער 6, 2023, האט דער טרייבאא בריק און טונעל אויטאריטעט באורד געשטימט צו ווייטער גיין מיט די אדמיניסטריוועע פראצעדורן פארלאנגן צו אוועקשטעלן און אדאפטירן די טאל ראטע סקעדזשול.

דערפאר, איז פארהאן א פובליק קאמענטארן טערמין און הייבריד פובליק הירינגס וועלן געהאלטן ווערן אז די TBTA זאל קענען באקומען פידבעק איבער די פארגעשלאגענע טאל ראטע סקעדזשול. די פובליק קאמענטארן טערמין האט זיך אנגעהויבן דעצעמבער 27, 2023 און וועט ווייטער גיין ביז מערץ 11, 2024. מען קען זעהן די פארגעשלאגענע טאל ראטע סקעדזשול אויף:**https://new.mta.info/document/129191**. די פארשלאג, אין סיכום, נעמט אריין די פאלגנדע:

- פאסאזשיר וויהיקלס און פאסאזשיר-סארט וויהיקלס מיט קאמערשאל לייסענס פלעיטס וועלן ווערן גערעכנט א $15 הויך-פונקט טערמין EZpass טאל פארן אריינקומען אינעם CBD, נישט מער ווי איין מאל א טאג.
- טראקס וועלן ווערן גערעכנט א $24 אדער $36 הויך-פונקט טערמין EZpass טאל פארן אריינקומען אינעם CBD, געוואנדן אויף זייער מאס.
- באסעס וואס שטעלן צו טרענזיט אדער קאמיוטער סערוויסעס וועלן נישט ווערן גערעכנט דעם טאל  אנדערע באסעס וועלן ווערן גערעכנט א $24 אדער $36 הויך-פונקט טערמין EZpass טאל פארן אריינקומען אינעם CBD, געוואנדן אויף זייער מאס.
- מאטארציקלען וועלן ווערן גערעכנט האלב די אייניגע פאסאזשיר וויהיקל טאל, נישט מער ווי איין מאל א טאג.
- טאלס וועלן ווערן גערעכנט פאר וויהיקלס נאר ווען זיי גייען אריין אינעם CBD - נישט אויב זיי בלייבן אדער גייען ארויס פונעם זאנע.
- הויך פונקט טאל ראטעס וועלן גילט אין די מערסטע געדריקטע צייטן פונעם טאג - פון AM5 ביז PM9 וואכן טעג, און פון AM9 ביז PM9 ענדע וואך.  טאל ראטעס וועלן זיין 75% נידריגער איבערנאכט.
- א טונעל קרעדיט פאר טייל פון די הויך פונקט טערמין CBD טאל ראטע וועט ווערן צוגעשטעלט פאר וויהיקלס מיט EZpass וואס קומען אריין דורך די פיר טאל-איינטרירטן וואס פירן דירעקט צו די CBD: די קווינס-מידטאון, יו על קארי, האלאנד און לינקאלן טונעלן.  אריבערגאנג קרעדיטס וועלן נישט זיין אין קראפט איבערנאכט ווען CBD טאל ראטעס זענען שוין מיט 75% נידריגער ווי די הויך-פונקט טערמין.
- NYC טעקסי און לימאזין קאמישן (TLC) טעקסיס, גרינע קעבס, און וויהיקלס צו דינגען (oFHV) וועלן נישט זיין אריינגערעכנט אין די טעגליכע סיסטעם טאל אויף וויהיקלס. אנשטאט דעם, וועט מען רעכענען א CBD טאל פער טריפ פאר יעדע באצאלטע פאסאזשיר טריפ קאסט פאר טריפס געמאכט פון, אדער אין די CBD אויף א טאל ראטע פון $1.25 פער טריפ פאר טעקסיס, גרינע קעבס און oFHV, און $2.50 פער טריפ פאר oFHV אויף טריפס געשיקט פון א הויכע-מאס וויהיקלס צו דינגן סערוויס (HVFHS).
- ספעציעלע רעגירונג וויהיקלס וועלן נישט ווערן אריינגערעכנט אין די CBD טאל (אין צוגאב צו קוואליפיצירנדע ערלויבטע עמערדזשענסי וויהיקלס און קוואליפירנדע וויהיקלס וואס פירן מענטשן מיט דיסאביליטיס, ווי פארלאנגט דורכ'ן אקט).
- ווייניג פארדינסט וויהיקל אייגנטומער וואס קוואליפיצירן און רעגיסטרירן מיט TBTA פאר די ווייניג פארדינט אראפרעכענונג פלאן וועלן באקומען א הויך פונקט EZPass טאל ראטע וואס איז 50% ווייניגער ווי פאסאזשיר וויהיקל הויך פונקט טערמין EZPass טאל ראטע, אויף זייערע בארעכטיגטע וויהיקל'ס 11טע טריפ און ווייטערדיגע טריפס אין יענע לוח חודש.
- אין אלגעמיין, וועלן טאל ראטעס פאר וויהיקלס וואס נוצן באצאל מידיע אויסער EZPass, אפט אנגערופן טאל דורכ'ן פאסט, זיין 50% מער ווי דאס וואס EZPass קונדן באצאלן.

מען קען טרעפן אלע דעטאלן פון די פארגעשלאגענע טאל ראטע סקעדזשול אויף: **https://new.mta.info/document/129191**.

## דאטומען און צייטן פון די פובליק הירינגס

**צענטראלע ביזנעס דיסטריקט טאלינג פראגראם (CBDTP) פובליק הירינגס**

דאנערשטאג, פעברואר 29, 2024, אום 6:00  PM

פרייטאג, מערץ 1, 2024, אום 10:00  AM

מאנטאג, מערץ 4, 2024, אום 10:00 AM און 6:00 PM

הייבריד פובליק הירינגס וועלן איינשליסן פערזענליכע און ווירטועלע פלאטפארמעס.

## ארט פון דעם הירינג (פערזענליך)

די הירינגס וועלן געהאלטן ווערן ביי די MTA הויפטקווארטיר, 2 Broadway, 20th Floor – William J. Ronan Board Room, New York, NY 10004.

## זיך אנשליסן אין די פובליק הירינגס (ווירטואל)

אויב איר זענט רעגיסטרירט צו רעדן, קענט איר זיך אנשליסן פערזענליך, אנליין, אדער דורכן טעלעפאן דורכן אויספאלגן די אנווייזונגען:

**זיך איינשליסן אין א Zoom וועבינאר אנליין:** צו באקומען צוטריט צו די Zoom וועבינאר אנליין, גייט צו  **https://mta.zoom.us/j/82624594335**.

**זיך איינשליסן אין א Zoom וועבינאר אויפ'ן טעלעפאן:** צו באקומען צוטריט צום Zoom וועבינאר אויפ'ן טעלעפאן, ביטע רופט (929) 436-2866 (לאקאל) אדער (833) 548-0282 (US טאל פריי). דאן לייגט אריין וועבינאר ID 826 2459 4335, נאכגעפאלגט מיטן פאונד (#) צייכן.

## פובליק הירינג פארמאט

די הירינגס וועלן זיין אויף א הייבריד פארמאט מיט פערזענליכע אנטיילנעמונג ווי אויך דורך Zoom'ס אנליין פלאטפארמע און קאנפערענץ קאל מעגליכקייטן, מיט א לייוועסטרים אוועילעבל אויף די MTA יוטוב זייטל. די וואס זענען אינטערעסירט צו רעדן מוזן זיך רעגיסטרירן צו רעדן ביי די פובליק הירינג. יעדע רעגיסטרירטע רעדנער וועט האבן דריי (2) מינוט צו רעדן. פובליק קאמענטארן וועלן ווערן באגרעניצט צו א סך הכל פון 240 מינוט פער הירינג, אדער אומגעפער 120 רעדנערס. רעדנערס וואס האבן נאכנישט גערעדט ביי א CBDTP טאל ראטע סקעדזשול הירינג וועלן באקומען פריאריטעט איבער די וואס האבן שוין פריער גערעדט ביי א הירינג. אלע קאמענטארן וועלן ווערן אראפגעשריבן און געמאכט א טייל פון די פערמענאנטע רעקארד פון די הירינגס.

## רעגיסטרירן פאר די פובליק הירינג

זיך צו רעגיסטרירן, ביטע גייט צו **https://new.mta.info/agency/bridges-and-tunnels/cbd-tolling-hearing**, אדער רופט דעם פובליק הירינג האטליין אויף 252-6777 (646). טעלעפאן אגענטן זענען אוועילעבל טעגליך פון 6 אינדערפרי ביז 10 ביינאכט רעגיסטראציע וועט זיך אנהויבן איין וואך פאר יעדע הירינג און וועט זיך פארמאכן 30 מינוט נאך די אנהויב פון יעדע הירינג.

## צו אריינגעבן קאמענטארן

איר קענט אריינגעבן קאמענטס אנליין אויף**https://new.mta.info/project/CBDTP**, דורך אימעיל צו cbdtp.feedback@mtabt.org, אדער דורך פאסט צו **Central Business District Tolling Program, 2 Broadway, 23rd Floor, New York, NY 10004**. איר קענט אויך רופן די CBDTP קאמענט ליניע אויף 646-252-7440.

אלע קאמענטארן מוזן ערהאלטן ווערן נישט שפעטער ווי 11:59 PM אום מערץ 11, 2024. קאמענטארן ערהאלטן נאך יענע דאטום וועלן נישט גערעכנט ווערן.

---

## צוטריט און שפראך הילף סערוויסעס

אמעריקאנע שטום לשון און CART קאפשינינג סערוויסעס וועלן זיין אוועילעבל. מיטגלידער פונעם פובליק וואס זענען טויב אדער האבן שוואכע הערן קראפט קענען נוצן זייער בעפארצוגטע רילעי סערוויס אדער די אומזיסטע 711 רילעי סערוויס, און דאן בעטן צו ווערן פארבינדן מיטן פובליק הירינג האטליין אויף (646) 252-6777 צו רעדן מיט אן אגענט.

מיטגלידער פונעם פובליק וואס האבן נישט קיין צוטריט צו א קאמפיוטער אדער וואס האבן נישט קיין צוטריט צו די אינטערנעט קענען אויסהערן יעדע פון די הירינגס דורכן רופן דעם Zoom מיטינג אויף (929) 436-2866 (לאקאל) אדער (833) 548-0282 (US טאל פריי). דאן לייגט אריין די מיטינג ID 826 2459 4335, נאכגעפאלגט מיטן פאונד (#) צייכן.

אויב מען נויטיגט זיך אין שפראך הילף אדער סיי וועלכע אקאמאדאציעס ,ביטע אריינגעבן א פארלאנג אמווייניגסטנס פינעף )5 (ביזנעס טעג איידער דעם פלאנירטן הירינג דאטום אויף איינע פון די פאלגנדע דורכ'ן טעלעפאן דורך רופן די פובליק הירינג האטליין אויף )646 (252-6777 ,אדער דורך שיקן א בריוו דורך פאסט צו ,cbdtp.feedback@mtabt.org וועגן :דורך אימעיל צו MTA Government & Community Relations, Attn: Central Business District Tolling Program Hearings, 2 Broadway, 17th Floor, New York, NY 10004.

Metropolitan Transportation Authority

www.mta.info